בעזרת השם יתברך

ספר

# אֲשֶׁר הָיָה אֶל יוֹאֵל

דברות קודש וואס מיר האבן געהאט די זכיה צו הערן פונעם ראש ישיבה שליט"א בעת סעודה שלישית, שבת קודש פרשת תצוה, שושן פורים ה'תשפ"א

ארויסגעגעבן דורך
"קרן הדפסה היכל הקודש"

צו באקומען די און אנדערע ספרים און קונטריסים:

| | |
|---|---|
| היכל הקודש קרית ברסלב ליבערטי<br>Heichal Hakodesh<br>Kiryas Breslev<br>181 Huschke Road<br>Liberty NY 12747 | היכל הקודש וויליאמסבורג<br>Heichal Hakodesh<br>Williamsburg<br>27 Skillman Street<br>Brooklyn NY 11205<br>1-718-384-1652 |
| היכל הקודש קרית יואל<br>Heichal Hakodesh<br>Kiryas Joel<br>8 Hayes Ct.<br>Monroe NY 10950<br>1-845-467-5299 | היכל הקודש קרית יואל<br>Heichal Hakodesh<br>Kiryas Joel<br>8 Premishlan Way.<br>Monroe NY 10950<br>1-845-243-0563 |
| היכל הקודש בארא פארק<br>Heichal Hakodesh<br>Boro Park<br>1011 41 Street<br>Brooklyn NY 11219<br>1-718-384-1652 | היכל הקודש מאנסי<br>Heichal Hakodesh<br>Monsey<br>32 Dolson Road<br>Monsey NY 10952<br>1-347-733-7551 |

www.BreslevCenter.com

צו הערן די הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א רופט:

| | |
|---|---|
| קול<br>ברסלב<br>**212-444-9191** | חיזוק פאר די<br>אידישע שטוב<br>**212-444-9169** |

## חיזוק יומי

**צו באקומען די חיזוק יומי**

| | |
|---|---|
| אימעיל | טעלעפאון מעסידזשינג |
| chizikyomi@gmail.com | 347-630-2876 |

# שבת קודש פרשת תצוה, שושן פורים, שנת תשפ"א לפרט קטן, ביי סעודה שלישית האט דער ראש ישיבה שליט"א פארגעלערנט שיחות הר"ן סימן קלא.

לשון רבינו זכרונו לברכה: כְּשֶׁכָּתַבְתִּי לְפָנָיו הַתּוֹרָה וְאֵלֶּה הַמִּשְׁפָּטִים [סִימָן י חֵלֶק רִאשׁוֹן מִלִּקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן] הַמַּתְחֶלֶת: כְּשֶׁיֵּשׁ דִּינִים חַס וְשָׁלוֹם, עַל יִשְׂרָאֵל, עַל יְדֵי רִקּוּדִין וְהַמְחָאַת כַּף נַעֲשֶׂה הַמְתָּקַת הַדִּינִים וְכוּ' אָמַר לִי: כָּךְ אָמַרְתִּי שֶׁעַכְשָׁו נִשְׁמַע גְּזֵרוֹת חַס וְשָׁלוֹם, עַל יִשְׂרָאֵל וְהִנֵּה הוֹלְכִים וּמְמַשְׁמְשִׁים לָבוֹא יְמֵי הַפּוּרִים הָאֵלֶּה [כִּי הַתּוֹרָה הַזֹּאת נֶאֶמְרָה סָמוּךְ לְפוּרִים] וִיהִיוּ יִשְׂרָאֵל מְרַקְּדִים וּמְמַחֲאוּ כַּף וְעַל יְדֵי זֶה יַמְתִּיקוּ הַדִּינִים וְחָזַר וְכָפַל דְּבָרָיו וְאָמַר בְּפֶה מָלֵא: כָּךְ אָמַרְתִּי וְכַוָּנָתוֹ הָיְתָה לְהָעִיר לְבָבֵנוּ שֶׁנֵּדַע וְנָבִין שֶׁכָּל דִּבְרֵי תּוֹרָתוֹ הַקְּדוֹשָׁה אַף עַל פִּי שֶׁיֵּשׁ בָּהּ עֲמָקוֹת גָּדוֹל וְנוֹרָא מְאֹד מְאֹד וְרָזִין עִלָּאִין וְסוֹדֵי סוֹדוֹת עֲמֻקִּים וּרְחָבִים מִנִּי יָם בְּכָל דִּבּוּר וְדִבּוּר אַף עַל פִּי כֵן עִקַּר כַּוָּנָתוֹ שֶׁנִּשְׁמַע וּנְקַבֵּל דְּבָרָיו הַקְּדוֹשִׁים בִּפְשִׁיטוּת לִשְׁמֹר וְלַעֲשׂוֹת וּלְקַיֵּם אֶת כָּל דִּבְרֵי תּוֹרָתוֹ בִּפְשִׁיטוּת וּבִתְמִימוּת כְּמוֹ לְמָשָׁל הַתּוֹרָה הַקָּדוֹשׁ הַזֹּאת שֶׁנֶּאֱמַר שָׁם שֶׁעַל יְדֵי הַמְחָאַת כַּף וְרִקּוּדִין נִמְתָּקִין הַדִּינִים הָיְתָה כַּוָּנָתוֹ כִּפְשׁוּטוֹ שֶׁיְּחַזְּקוּ עַצְמָן לִשְׂמֹחַ בִּימֵי שִׂמְחָה, כְּגוֹן פּוּרִים וַחֲנֻכָּה וְיָמִים טוֹבִים אוֹ חֲתֻנָּה וְכַיּוֹצֵא בָּזֶה כָּל מִינֵי שִׂמְחָה שֶׁל מִצְוֹת שֶׁיְּחַזְּקוּ עַצְמָן בְּשִׂמְחָה גְּדוֹלָה עַד שֶׁיִּזְכּוּ לְהִתְעוֹרֵר לְרִקּוּדִין וְהַמְחָאַת כַּף וְעַל יְדֵי זֶה יַמְתִּיקוּ הַדִּינִים כִּי כָּל דִּבְרֵי הַתּוֹרָה לֹא בַשָּׁמַיִם הוּא לֵאמֹר, שֶׁאֵין מִי שֶׁיָּכוֹל לִזְכּוֹת לָזֶה לְהַמְתִּיק הַדִּינִים עַל יְדֵי הַמְחָאַת כַּף וְרִקּוּדִין כִּי אִם גְּדוֹלִים בְּנֵי עֲלִיָּה רַק כָּל אֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל יֵשׁ לוֹ כֹּחַ הַזֶּה כְּשֶׁיְּקַיֵּם הַדְּבָרִים כִּפְשׁוּטָן בֶּאֱמֶת וּבִתְמִימוּת וְכֵן בְּכָל הַדְּבָרִים הַנֶּאֱמָרִים שָׁם בְּהַתּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה הַנַּ"ל וְכֵן כָּל מַה שֶּׁנֶּאֱמַר בְּכָל תּוֹרָה וְתוֹרָה כִּי לֹא הַמִּדְרָשׁ הוּא הָעִקָּר אֶלָּא הַמַּעֲשֶׂה (אָבוֹת א יז) וְשִׂים עֵינְךָ הֵיטֵב הֵיטֵב וְתִסְתַּכֵּל יָפֶה בְּכָל תּוֹרָה וְתוֹרָה וְתָשִׂים לִבְּךָ לְהָבִין בְּכָל מָקוֹם הָעֲבוֹדוֹת וְהָעֵצוֹת וְהַמּוּסָר וְהַהִתְעוֹרְרוּת הַיּוֹצְאִים מִשָּׁם עַל פִּי פְּשׁוּטָן שֶׁל דְּבָרִים וּתְבַקֵּשׁ

מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ שֶׁיָּאִיר עֵינֶיךָ לִזְכּוֹת לָזֶה לְהָבִין הַדְּבָרִים הֵיטֵב לְמַעֲשֶׂה כִּי כָּל דְּבָרָיו זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, כֻּלָּם נִצְרָכִים וּמֻכְרָחִים לַעֲבוֹדוֹת וְעֵצוֹת טוֹבוֹת לְעָבְדוֹ יִתְבָּרֵךְ וַאֲפִלּוּ בִּקְצָת מְקוֹמוֹת אֲשֶׁר לְפוּם רִיהֲטָא בְּהַשְׁקָפָה רִאשׁוֹנָה אֵין מְבִינִים הֵיטֵב אֵיךְ נוֹגֵעַ הָעִנְיָן הַזֶּה לָעֲבוֹדָה לְפִי מַדְרֵגָתוֹ אַף עַל פִּי כֵן בֶּאֱמֶת יֵשׁ שָׁם עֵצוֹת נִפְלָאוֹת וְהִתְעוֹרְרוּת נוֹרָא לָשׁוּב אֵלָיו יִתְבָּרֵךְ מִמָּקוֹם שֶׁהוּא שָׁם וְאִם תָּשִׂים עֵינְךָ וְלִבְּךָ שָׁם הֵיטֵב בְּוַדַּאי תִּמְצָא גַּם שָׁם עֵצוֹת וּדְרָכִים טוֹבִים לְפִי מַדְרֵגָתְךָ כִּי כָּל דְּבָרָיו זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, הֵם כְּלָלִיּוּת גָּדוֹל וְכָל תּוֹרָה וְתוֹרָה כָּלוּל מִכָּל הַתּוֹרָה כֻּלָּהּ וּמִכָּל בְּנֵי אָדָם שֶׁבָּעוֹלָם בְּכָל דַּרְגָּה וְדַרְגָּה מִן תַּכְלִית קָצֶה הָעֶלְיוֹן עַד תַּכְלִית קָצֶה הַתַּחְתּוֹן הַיְנוּ שֶׁעִם כָּל תּוֹרָה וְתוֹרָה וְשִׂיחָה שֶׁלּוֹ יָכוֹל לַעֲבֹד אֶת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ הַגָּדוֹל בְּמַעֲלָה בְּתַכְלִית הַמַּעֲלָה וְכֵן אֲפִלּוּ הַקָּטָן וְהַפָּחוּת בְּתַכְלִית דְּיוֹטָא הַתַּחְתּוֹנָה יָכוֹל גַּם כֵּן לָשׁוּב לְהַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ וְלִמְצֹא עֵצוֹת לְנַפְשׁוֹ עַל יְדֵי אוֹתָהּ הַתּוֹרָה בְּעַצְמָהּ כִּי הֵם כְּלָלִיּוּת נִפְלָא מְאֹד. עד כאן לשון רבינו.

האט דער ראש ישיבה שליט״א אנגעהויבן, דער רבי זאגט: ווען עס איז דא דינים אויף אידישע קינדער חס ושלום, קען מען עס אוועקנעמען דורך טאנצן און פאטשן. דאס איז געזאגט געווארן סיי לגבי דינים פון די וועלט, צום ביישפיל די קאראנע ווירוס השם ישמרינו, דארף מען זען צו זיין פרייליך, טאנצן און פאטשן, און אזוי וועט עס אוועק גיין בקרוב, אבער דער עיקר מיינט עס דינים פון שטוב, וואס זענען ׳דינים׳? מוהרא״ש זכרונו לברכה זאגט: דאסווארט ׳דין׳ אויף אידיש מיינט צעקוועטשט; ווען דער מח איז מצמום, צעקוועטשט, דאס הייסט אז עס איז דא ׳דינים׳; א שטוב וואו עס איז נישט דא קיין שלום, מאן און ווייב קריגן זיך איינער מיט׳ן צווייטן זענען די ׳דינים׳ אינדערהיים, דארף מען פאלגן דעם רבי׳ן, זינגען, טאנצן און פאטשן מיט די קינדער, דורך דעם וועט עס אוועקגיין, עס וועט זיך דארט מער נישט געפונען קיין דינים.

ברסלב׳ער חסידים פירן זיך ווען זיי קומען אהיים פארנאכטס

מאכן זיי א ריקוד, זיי זינגען און טאנצן מיט די קינדער. א אינגערמאן דערציילט מיר, זיין לענדלארד האט אים געזאגט: "מער נעם איך נישט אריין קיין ברסלב'ע משפחות אין מיינע דירות, זיי הערן נישט אויף צו טאנצן און זיך פרייען א גאנצן טאג, שטענדיג הערט מען ארויס די הויכע מוזיק... !"; האט דער ראש ישיבה שליט"א צוגעלייגט: איך מיין עס איז ענדערש ארויסצוהערן די הויכע מוזיק פון א דירה ווי איידער ארויסהערן די הויכע געשרייען פון איינער אויפ'ן אנדערן...

מוהרא"ש זאגט: "דאס איז דער סימן ווי אזוי א מענטש קען זיך מעסטן צי ער איז ביי די קדושה אדער חס ושלום ביי די טומאה, ער זאל קוקן צי ער איז פריילין, אויב איז ער פריילין, ער איז אין א גוטע גוסטע - דאן איז דאס סימן אז ער איז ביי די קדושה, אבער אויב איז ער בעצבות, ער איז אין א שלעכטע גוסטע - דאן איז דאס א סימן אז ער איז דארף תשובה טון".

איין מאל אין טאג קען מען זיך צוברעכן, דעריבער איז גוט אנצוצינדן איין מאל א טאג א ווארעמע ניגון וואס עפענט דאס הארץ, מען זאל קענען מאכן התבודדות, זיך אויסוויינען צום אייבערשטן, אבער די איבריגע צייט פון טאג דארף מען אנצינדן לעבעדיגע ניגונים, עס זאל זיין פריילין און ליסטיג אינדערהיים.

## וואלסט געוועדט טשינג טשאנג טשו

מיט וואס זאל מען זיך פרייען? מיט יעדע גוטע זאך וואס מען טוט. 'ברוך השם איך בין א איד', 'ברוך השם איך היט שבת', 'ברוך השם איך טו יעדן טאג אן תפילין' - מיט די אלע זאכן דארף מען זיך זייער מחיה זיין, די אלע זאכן דארפן דערפרייען דעם מענטש, דאס איז דאך די גרעסטע שמחה פון א מענטש ברוך השם אז איך היט די תורה, איך היט די הייליגע מצוות פונעם אייבערשטן. מוהרא"ש פלעגט אלץ זאגן

אויף זיין געשמאקן וועג: "וואס וואלסטו געטון ווען דו וואלסט ווען געבוירן געווארן א גוי, וואלסט געוועהן א כינעזער, וואס איין אויג קוקט דא און איינס דארט, וואלסט גערעדט טשינג טשאנג טשו, אדער א פארטאגעזישער, וכדומה - וואלסטו דאך נישט געהאט קיין לעבן, בָּרוּךְ הַשֵּׁם שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי, פריי זיך אז דו ביסט געבוירן א איד און נישט קיין גוי.

## די גוטע נאכט קיש

קינדער דארפן א געשמאקע הויז, א הויז וואו עס איז פרייליך, דעמאלט קענען זיי אויפוואקסן געזונט און ערליך. היינט איז דא א נייע מנהג, אלע מחנכים און טערעפיסטן זאגן דאס, בעפאר מען גייט שלאפן דארף מען אריינגיין צו די קינדער זיי 'קישן' און זאגן: "א גוטע נאכט", דאס רופט זיך: "די גוטע נאכט קיש"...; איך ווייס נישט וואס דאס מיינט, איך האב נאך קיינמאל נישט געגעבן א קיש פאר מיינע קינדער, דער רבי זאגט: "א קינד קישט מען נישט, און א קינד שלאגט מען נישט"; דאס איז געבינדן איינס מיט'ן צווייטן, עלטערן וואס עס הערשט ביי זיי אין שטוב א אנגעצויגנקייט, מען לאזט נישט די קינדער אטעמען, מען שרייט און מען שלאגט די קינדער, דאן פילן זיך די עלטערן שולדיג 'וואס האב איך געטון מיט'ן קינד?' דערפאר דארפן זיי קישן נישט צו בלייבן מיט'ן שלעכטן געפיל, קומט אויס ווען מען וואלט ווען נישט געשלאגן וואלט מען נישט געדארפט קישן.

און די זעלבע זאך איז פארקערט, עלטערן וואס קישן שטענדיג די קינדער, דאס הייסט זיי שפילן זיך מיט די קינדער ווי חברים וכו', דאן ווערן די קינדער זייער צעווילדעוועט און זיי פאלגן נישט ווען מען רעדט צו זיי וכו', ביז מען הייבט זיי אן שלאגן, קומט אויס ווען מען וואלט ווען נישט אנגעהויבן מיט'ן קישן וואלט מען נישט געדארפט שלאגן.

דערפאר זאגט דער רבי: ״א קינד קישט מען נישט, און א קינד שלאגט מען נישט״; אז מען שלאגט זיי נישט דארף מען זיי נישט קישן, און אז מען קישט זיי נישט דארף מען זיי נישט שלאגן.

מיר שטייען נאך אינמיטן פורים, עס איז ׳פורים המשולש׳, מיר גייען זיך פרייען און טאנצן דעם מוצאי שבת, דארף מען דאס גוט אויסניצן, זיך פרייען, טאנצן און פאטשן, ווען מיר אוועקנעמען אלע דינים.

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן פאלגן דעם רבי׳ן, וועלן מיר האבן א שיינע לעבן, אמן.